בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ה

395

לשליחת מכתבים ושאלות
אל הראש ישיבה שליט"א

בדואר:

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

או דרך:

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
917-589-3382

או שלחו מייל לכתובת
SHMIELMAEB@GMAIL.COM

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען דַאוְוענֶען נָאךְ חֲצוֹת?..........א
פַארְוָואס אָן דִי נֵייעֶס בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?..........ב
עֶנְטְפֶערְן פַארְן מַאן שְׁאֵלוֹת אִין חִינוּךְ?..........ג
וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין קָאמְפְּיוּטֶער?..........ד
וָואס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ זֶע וִוי מֶען צֶעשְׁנַיידְט קִינְדֶער?..........ו
דַארְף אִיךְ צָאלְן רֶענְט, אוֹיבּ דֶער לֶענְדְלָארְד טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג?..........יב
פַארְוָואס בִּין אִיךְ כְּסֵדֶר חוֹשֵׁד יֶעדְן אֵיינֶעם?..........יד

אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא..........א
נִישְׁט כְּדַאי צוּ עֶסְן שַׁארְפֶע עֶסְן..........ג
נִישְׁט זִיךְ שְׁנַיידְן צוּ מַאכְן אַ סְלִיוו..........ד
אֵיין גוּט וָוארְט, קֶען אַלֶעס בַּארוּאִיגְן..........ה
אַ קֶרֶן פַאר מוֹסְדוֹת 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' 'בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ' עַל 'טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ'..........ה
אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן..........ו
גֵיין אִין קָאנְטְרִי נָאר מִיט עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת..........ז
זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אַרוֹיסְכַאפְּן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ..........ח
קוּק מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וֶועט 'דִיר' גוּט וֶוערְן..........ט

קֶענֶען מְבָרֵך זַיין שְׁמַעְתָּתָא אַלִּיבָּא דְהִלְכְתָא.................................'

אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט......................יא

אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין קְלַאס..יב

אַלֶעס אִיז פִּינְקְטְלִיךְ, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים, נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל.....................יג

נָאר אַ מַעֲלָה צוּ גֵיין בֶּעסֶער, אֵיידֶעלֶער אוּן מֶער בַּאשֵׁיידְן ....יד

זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא...................................יד

דַּיין אַ וַוארֶעמֶע אוֹיסְגֶעדרוּטֶע פְרֵיילִיכֶע מְלַמֵד .... טו

דַּיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז שְׁמֵייכְלֶען .... טז

זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל ....יז

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זָאל זַיין דַיין שַׁבָּת סֵפֶר ....יח

אַ שָׁאד מֶען מַאכְט נִישְׁט נָאךְ דִי חֲתוּנוֹת בְּחִנָם אִין יְשִׁיבָה.....................כ

וָואס פַאר אַ מַתָּנוֹת וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען פַארְן רֶבִּי'ן..........................כא

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען דַאוֶונֶען נָאךְ חֲצוֹת?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן דְרֵיי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ הֶער אוֹיס אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אוֹיבּ שְׁטֵיי אִיךְ אוֹיף נָאךְ חֲצוֹת, זָאל אִיךְ דַאוֶוענֶען דִי גַאנְצֶע דַאוֶונֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן סוֹף, אָדֶער נָאר אַ חֵלֶק? אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נָאךְ חֲצוֹת זָאל מֶען גֵיין אִין שׁוּל אוּן דַאוֶוענֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן סוֹף, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז עֶס קֶען זַיין אַ בְּרָכָה לְבַטָלָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז קְלָאר דִי הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֹרַח חַיִּים סִימָן פט, סְעִיף א), אַז מֶען קֶען דַאוֶוענֶען נָאר בִּיז חֲצוֹת, נָאךְ חֲצוֹת אִיז דָאס "מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן" (בְּרָכוֹת כו.), נָאךְ חֲצוֹת קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית. אוֹיבּ אִיז מֶען גֶעוֶוען אַן אוֹנֵס דַאוֶוענְט מֶען צְוֵויי מָאל מִנְחָה, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִיז פַאר מִנְחָה אוּן דִי צְוֵוייטֶע מָאל אִיז פַאר שַׁחֲרִית, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעוֶוען אַ מֵזִיד קֶען מֶען נִישְׁט מַשְׁלִים זַיין.

שְׁטוּפּ נִישְׁט אָפּ דָאס דַאוְונֶען, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין שׁוּל דַאוְונֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לא): "דַאוְונֶען אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, אוּן אַז מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער - וֶוער וֵוייסְט צִי מֶען וֶועט בִּכְלַל דַאוְונֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

פַּארְוָואס אָן דִי נַייעֶס בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְלֶעג זֵייעֶר לִיב הָאבְּן צוּ אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען צֵייטוּנְגֶען, צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי נַייעֶס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי מִלְחָמָה אוּן נָאךְ, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר כָּשֵׁר'עֶ צֵייטוּנְגֶען אָן קֵיין שְׁלֶעכְטֶע בִּילְדֶער, אוּן דָאס גְלַייכְן.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער לֶעצְטְנְס גֶעלֵיינְט צְוֵויי בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ הֶערְן דִי נַייעֶס אוּן עֶס אִיז זֵיי גֶעוָוארְן גוּט אִין לֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ בְּרֶענְג מֶער נִישְׁט אַהֵיים קֵיין נַייעֶס. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט, אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר רוּאִיג אוּן עֶס אִיז מִיר אַלֶעס גוּט, עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ טַאנְץ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

ווּאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֵיינְסְט מֶער נִישְׁט קֵיין צֵייטוּנְגֶען, דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קֵיין צֵייטוּנְגֶען וְכַדוֹמֶה. וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן גֶעווּאוּסְט ווִי שַׁיין אוּן זִיס דִי לֶעבְּן אִיז אָן לֵיינֶען נַייעֶס, ווִי רוּאִיג דִי לֶעבְּן אִיז אָן דִי זַאכְן - וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דֶעם, ווַייל דִי נַייעֶס

בְּרֶענְגְט שְׁרֶעק, דִי צֵייטוּנְגֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ וֶועג צוּ צִיעֶן צוּ זִיךְ לֵיינֶער, דוּרְךְ מַאכְן פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק, אוּן דָאס לָאזְט נִישְׁט לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, דָאס אִיז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, ז), רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט: "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ ווִינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶע אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים'", מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגְ'עֶנֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵוייְנְט אַז עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בְּשַׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז רֵיין פוּן דִי זַאכְן, נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם צֵייטוּנְג, מַאגַאזִין, נִישְׁט פוּן דִי פְרוּמֶע אוּן נִישְׁט פוּן דִי חֲסִידִי'שֶׁע אוּן נִישְׁט פוּן דִי קַנָאִי'שֶׁע; דִי שְׁטוּבּ אִיז רֵיין פוּן דִי זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

עֶנְטְפֶערְן פַארְן מַאן שְׁאֵלוֹת אִין חִינוּךְ?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, וֶוען מַיין מַאן פְרֶעגְט מִיךְ אַ זַאךְ אִין חִינוּךְ, וָואס אִיךְ הַאלְט מֶען זָאל טוּן, זָאל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט אָדֶער צוּרִיק פְרֶעגְן וָואס עֶר הַאלְט אוּן עֶר זָאל אָפְּמַאכְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן?

אִיךְ רֶעד דַוְקָא וֶוען עֶר פְרֶעגְט מִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי שִׁיעוּרִים אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין מַיין מַאן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער, אוּן אִיךְ פָאלְג, אִיךְ זָאג אִים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ פְרוֹי מִיט שֵׂכֶל מַאכְט אִיר מַאן שְׁפִּירְן ווִי עֶר אִיז קֶענִיג, עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת, אוּן אֲפִילוּ דֶער מַאן אִיז נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם - מַאכְט זִי אִים שְׁפִּירְן ווִי עֶר אִיז אַלֶעס.

וֶוען דֶער מַאן וויל טוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט רִיכְטִיג קֶען מֶען מִיט חָכְמָה בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אִים מַאכְן שְׁפִּירְן ווִי עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוּן עֶר טוֹיג נִישְׁט.

אַז אַייעֶר מַאן פְרֶעגְט ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן וְכוּ'; זָאלְט אִיר אִים הֶעלְפְן, נִישְׁט זָאגְן "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט"; וַוייל עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען דֶער מַאן פְרֶעגְט אוּן וויל ווִיסְן ווִי וֶוען דִי פְרוֹי טֵיילְט אַיין אוּן לֶערְנְט אִים ווִי אַזוֹי צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט צוּ הָאבְן קַיין קָאמְפְּיוּטֶער?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מִיר צוּרִיק גֶעבְּן נָאכְאַמָאל מַיין לֶעבְּן, נָאר נָאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער, אַזוֹי ווִי דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ טוּן, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער, גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ עֶס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט

מַמָּשׁ בַּאפְרֵייט, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען מַיין מֹחַ אוּן מַיין טָאג, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צַייט צוּ לֶערְנֶען, צוּ גֵיין הֲפָצָה, צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער קָאמְפְּיוּטֶער הָאט מִיר מַמָּשׁ פַּארְקְנַאקְט מַיין מֹחַ, אוּן דָאס אִיז נָאךְ מִיט אַ כָּשֵׁר'עֶ קָאמְפְּיוּטֶער. יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַּארְן מִיר זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן מִיר מַאכְן מַיין לֶעבְּן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

אִיךְ ווִיל אָבֶּער פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ אַזַא זַאךְ, צוּ טוּן זַאכְן אָן פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר וַוייזְן אַ וֶועג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם.

נָאכְאַמָאל אַ יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר וַוייטֶער זָאגְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן רִיכְטִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין טָעוּתִים.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְסְטוּ, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַבִּי אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער 'מְכַשֵּׁף' כִּישׁוּף מַאכֶער? אַז מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דָאס אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן 'מְחַשֵּׁף' אִיז דָאס מַמָּשׁ אַזוֹי, עֶס אִיז אַ כִּישׁוּף מַאכֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין סז:), וָואס אִיז דִי לָשׁוֹן כִּישׁוּף? "מַכְחִישִׁין פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה", זֵיי טוּעֶן אָפְּשְׁוַואכְן דִי כֹּחַ פוּן דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי אוֹיךְ טוּט דֶער קָאמְפְּיוּטֶער - "מַכְחִישִׁין פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה" אָפְּשְׁוַואכְן דִי קְדוּשָׁה, דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶערוּפְן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער 'מְכַשֵּׁף'.

פַאר אַ נָזִיר זָאגְט מֶען (שַׁבָּת יג.): "לֵךְ לֵךְ אָמְרִי נְזִירָא, סְחוֹר סְחוֹר לְכַרְמָא לֹא תִקְרַב", גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ ווַיינְגָארְטְן ווַייל דוּ וֶועסְט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ עֶסְן פוּן דִי טְרוֹיבְּן, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אִיסוּר פַאר אַ

נָזִיר צוּ גֵיין נֶעבְּן טְרוֹיבְּן אוּן צוּ שְׁפַּאצִירְן אִין אַ וַויינְגָארְטְן דָאךְ זָאגְט מֶען אִים 'מַאךְ זִיךְ גְּדָרִים וּסְיָגִים זָאלְסְט נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ טְרִינְקֶען וַויין', אַזוֹי אוֹיךְ זָאג אִיךְ דִיר: "לֵךְ לֵךְ, סְחוֹר סְחוֹר, רִיר נִישְׁט אָן קֵיין קָאמְפְּיוּטֶער, אֲפִילוּ מִיט אַ פִּילְטֶער"; דוּ הָאסְט שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּנֶעם סַם הַמָּוֶת, הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶפְנְט אַ קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אַ פִּילְטֶער וְכוּ' אוּן גֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם כְּלִי, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ זֶע ווִי מֶען צֶעשְׁנַיידְט קִינְדֶער?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִינֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, ווִי קִינְדֶער פוּן כִּתָּה ב' קְרִיגְן זִיךְ, כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע קְלַאס הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אֵיין קִינְד אוּן אִים גֶעשְׁלָאגְן מַכּוֹת רֶצַח, אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי, אוּן דֶעמָאלְט זֶענֶען אַלֶע אַנְטְלָאפְן. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיט זֵייעֶר מְלַמֵּד אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ שְׁלָאגְן יֶענֶעם קִינְד, וַוייל עֶר שְׁטֶערְט אִין קְלַאס.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן שָׁאקִירְט פוּן דֶעם עֶנְטְפֶער, אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אִינְמִיטְן רֶעדְן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם אִישׁ הַחִינוּךְ פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן קִינְד אוּן דֶער מְלַמֵּד, הָאט עֶר מִיר גְלַייךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז דֶער אוּן דֶער קִינְד, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז יָא, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז פַאר דֶעם קִינְד קוּמְט זִיךְ צְוֵויי פֶּעטְשׁ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק פוּן וֶועם, צִי פוּנֶעם מְלַמֵּד אָדֶער פוּן דִי קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, זָאגְט עֶר מִיר וַוייל עֶר אִיז אַ קָאכֶעדִיגֶער צֶעווִילְדֶעוֶועטֶער קִינְד.

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ קֶען אִים פְרֶעגְן אַ קַשְׁיָא, אוּן דֶערְנָאךְ גֵיי אִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן זַיין אָפִיס, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט 'אוֹיבּ עֶס וָואלְט גֶעוֶוען זַיין קִינְד וָואס עֶר וָואלְט גֶעטוּן', אוּן אִיךְ בִּין טַאקֶע אַרוֹיס.

איך האב זיך דורכגערעדט מיט נאך איינעם אין חדר, און יענער האט גערעדט מיטן מנהל דערוועגן, און דער מנהל האט מיר געפרעגט אויב איך וויל לערנען מיט דעם קינד פריוואט, און איך האב אים געזאגט אז איך וועל טראכטן וועגן דעם; וואס דארף איך טון?

איך שפיר ווי איך נעם די אחריות פון די גאנצע תלמוד תורה אויף מיר, איז דאס ריכטיג? עס שוואכט מיך אפ; וואס קען איך אבער טון אז קינדער ווערן ממש גע'הרג'ט אין תלמוד תורה?

יישר כח

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ שְׁרֶעק צוּ הֶערְן וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט. אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגְלִיק, וֶוען מֶען הָאט צֶעשְׁנִיטְן אַ טֵייעֶר אוּמְשׁוּלְדִיג אִינְגְל אִין בָּארָא פַּארְק, הָאט מוֹהֲרָא״ש דֶעמָאלְט גֶעגֶעבְּן אַ פֵייעֶרְדִיגֶע הֶסְפֵּד, מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת וִוי מֶען שְׁלָאגְט קִינְדֶער אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער, מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיגְן פוּן זַיין הֵיילִיג הַארְץ אַז דִי גְזֵירָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיב דָאס וָואס מֶען טוּט מִיט קִינְדֶער אִין חֵדֶר, וִוי מֶען שְׁלָאגְט מִיט מַכּוֹת רֶצַח אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט, אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת הָאט מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, וָואס אַ אִיד הָאט אִים דֶערְצֵיילְט, אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט אַלֵיין מִיטְגֶעהַאלְטְן. אֵיין נָאכְמִיטָאג גֵייט עֶר אוֹיפְן גַאס אוּן עֶר זֶעט וִוי אַ גְרוֹיסֶע גְרוּפֶּע קִינְדֶער, אַ דְרַייסִיג פֶערְצִיג קִינְדֶער, בַּאגְלֵייטְן אֵיין קִינְד אוּן זֵיי זִינְגֶען אוֹיף אִים: ״דוּ בִּיזְט אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל! דוּ בִּיזְט אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל!״. דֶער אִיד גֵייט צוּ צוּ זֵיי צוּ זֶען וָואס גֵייט פָּאר, זֶעט עֶר וִוי דֶער אִינְגְל הָאט אָנְגֶעטוּן אַ קְרוֹין אוֹיפְן קָאפּ אוּן עֶס שְׁטֵייט דָארְט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן ״אִיךְ בִּין אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל״.

דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן צוּ זֶען וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אַזוֹי אַ קִינְד, עֶר הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַארְוָואס זֵיי טוּעֶן דָאס, הָאבְּן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט אַז זֵיי דַארְפְן דָאס טוּן וַוייל זֵייעֶר רֶבִּי הָאט זֵיי אַזוֹי גֶעהֵייסְן, דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעהֵייסְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי דַארְפְן אַהֵיים

בַּאגְלֵייטְן דֶעם קִינְד און זִינְגֶען אוֹיף אִים דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער אִינְגְל. דֶער אִיד הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם קְרוֹין פוּן קִינְד׳ס קָאפּ און עֶס אָנְגֶעטוּן אוֹיף זַיין אֵייגְן קָאפּ, און גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְהוֹיבְּן צוּ בַּאזִינְגֶען אַז עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְט אִינְגְל... דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן דֶעם עֶלְטֶערְן אִיד און זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַוֶועקְלוֹיפְן, דֶער אִיד הָאט זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט, עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן אַז זֵיי זָאלְן אִים נָאכְשְׁרֵייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן נָאכְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם אִינְגְל. און וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווילְן אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, הָאט עֶר זֵיי שֵׁיין מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אַ צְוֵוייטְן אִינְגְל טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען. און דֶערְוַוייל הָאט דֶער אִיד אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם קְרוֹין בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ, און הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי קִינְדֶער אִין וֶועלְכֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה זֵיי לֶערְנֶען.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז דֶער אִיד אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה בַּיי מִיטָאג צַייט, וֶוען דִי מְלַמְּדִים פַארְזַאמְלֶען זִיךְ אִינֶעם מְלַמְּדִים-צִימֶער, דָארְט הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קְרוֹין פוּן טַאשׁ און גֶעפְרֶעגְט דִי מְלַמְּדִים וֶוער פוּן זֵיי הָאט גֶעמַאכְט דֶעם קְרוֹין. אֵיין מְלַמֵּד אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִיד אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן צוּ רֶעדְן מִיט אִים דֶערְוֶועגְן. דֶער אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, עֶר הָאט דַוְקָא אִים גֶעוָואלְט פַארְהַאלְטְן אִין פָארְנְט פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים. דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים: ״זַייט מִיר נִישְׁט מְבַזֶּה דָא בְּרַבִּים, קוּמְט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן און אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אַייךְ״, הָאט דֶער אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: ״מֶען טָאר נִישְׁט מְבַזֶּה זַיין אַ אִיד בְּרַבִּים?! און דָאס הֵייסְן פַאר אַ גַאנְצֶע קְלַאס קִינְדֶער צוּ גֵיין נָאכְשְׁרֵייעֶן און נָאכְזִינְגֶען אַ אִינְגְל און אִים פַארְשֶׁעמֶען אוֹיפְן גַאס, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם?! דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מְלַמֵּד דַארְף לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער?! דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל פָּטוּר וֶוערְן פוּן מִיר!״ און דֶער אִיד הָאט טַאקֶע גֶעמַאכְט אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ דָארְט אִין מוֹסָד, אַז אַזַא זַאךְ זָאל זִיךְ מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְ׳חַזְרְ׳ן.

וֶוען מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם הֶסְפֵּד אִיז גֶעוֶוען אַ פַּחַד אִין שׁוּל,

מֶען הָאט קוים גֶעאָטֶעמְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, אִיז דָאס קִינְד נִישְׁט צֶעשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט? אִיר וֵוייסְט אַז אַ קִינְד וָואס גֵייט דוּרְךְ אַזֶעלְכֶע בּוּשׁוֹת וֶוערְט גֶעשֶׁעדִיגְט אִין מֹחַ פַּאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן?"

אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט, נִישְׁט קַיין תַּלְמִיד, אֵיינֶער וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען אוֹיסְהֶערְן חִיזוּק - הָאט אַרַיינְגֶעפְרֶעגְט: "עֶס אִיז טַאקֶע מַמָשׁ אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ?" אוּן מֶער הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת אוּן נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן נָאךְ יֶעדֶע מַעֲשֶׂה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ יֶענֶעם גַאסְט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "נוּ זָאג מִיר עֶס אִיז יָא גֶעפֶערְלִיךְ אָדֶער נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ?"

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט פוּן אַ אִינְגְל אִין חֵדֶר, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט: דֶער טַאטֶע פוּן דֶעם אִינְגְל זִיצְט דָא יֶעצְט בַּיים שִׁיעוּר. דֶער אִינְגְל אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם בַּיי דִי פִינְף יָאר, זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן יוּנְגֶערְהֵייט. אֵיין טָאג הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אֵייעֶר אִין חֵדֶר פַּאר מִיטָאג, דָאס קְלֵיין אִינְגְל הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעלֵייגְט עֶטְלִיכֶע אֵייעֶר אִין טַאשׁ, אוּן דֶער מְנַהֵל הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט.

מֶער הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, דֶער מְנַהֵל אִיז אַרַיין אִין אַ ווִילְדֶע כַּעַס אַז דֶער אִינְגְל הָאט גֶע'גַנְבְ'ט עֶטְלִיכֶע אֵייעֶר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁלָאגְן דֶעם קִינְד מַכּוֹת רֶצַח, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעפְּרַאסְקֶעט אוּן גֶעשְׁלָאגְן, אַז דֶער מְלַמֵּד פוּנֶעם אִינְגְל הָאט דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דָאס קִינְד אִין דִי זַייט אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי אֵייעֶר, הָאט דֶער אִינְגְל גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי שְׁנֵיי אוֹיפְ'ן גַאס אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר קַאלְט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְלֵייגְן עֶטְלִיכֶע וַוארִימֶע אֵייעֶר אִין טַאשׁ זִיךְ אָנְצוּוַארִימֶען מִיט דֶעם, עֶר הָאט נָאכְדֶעם גֶעוָואלְט צוּרִיקְלֵייגְן דִי אֵייעֶר.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעפַייעֶרְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: יֶעצְט לָאמִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן דֶעם אִינְגְל אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט כַאפְּן דֶערְפַאר אַזֶעלְכֶע גֶע'הַרְגְ'טֶע שְׁלֶעק. קוֹדֶם הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט

גַנְבְ'עֶנֶען דִי אֵייעֶר, עֶר הָאט זִיךְ נָאר גֶעוָואלְט אָנְוַוארִימֶען דֶערְמִיט פַּאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, וָואלְט וֶוען דֶער מְנַהֵל אִים גֶעדַארְפְט קוֹדֶם פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, און דַאן וָואלְט עֶס שׁוֹין גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה אִינְגַאנְצְן. צְוֵוייטְנְס, אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אַז עֶר הָאט יָא גֶעוָואלְט גַנְבְ'עֶנֶען דִי אֵייעֶר, קוּמְט זִיךְ אִים פַּאר דֶעם מַכּוֹת רֶצַח? לֶערְן אִים אוֹיס און זָאג אִים אַז עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּן נָאכְאַמָאל. און דְרִיטְנְס, אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מְנַהֵל הַאלְט יָא אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אַ שְׁטְרָאף פַּאר דֶעם אִינְגְל, אִיז דָאךְ דָא גֶענוּג נָארְמַאלֶע שְׁטְרָאפְן אִים צוּ גֶעבְן, עֶר קֶען אִים זָאגְן אַז מָארְגְן וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן בַּיי מִיטָאג, אָדֶער עֶפֶּעס עֶנְלִיךְ; עֶס קוּמְט זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט קֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁלֶעק פַאר אַ קְלֵיין אִינְגְל וָואס הָאט גֶע'גַנְבְ'ט אַפָּאר אֵייעֶר.

מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דֶעם גַאסְט און גֶעפְרֶעגְט: "וִוילְסְט הֶערְן נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה?" דֶער עוֹלָם אִיז גֶעזִיצְן גֶעפְרוֹירְן, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט, אַלֶע הָאבְן גֶעוֵוייְנְט שְׁטִילֶערְהֵייט, מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט: אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאט אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ מְלַמֵד פוּן אַן אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה. דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז אֵיין טָאג בַּיי מִיטָאג אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעפֶערְלִיךְ גֶעשְׁלָאגְן אַ קִינְד, מַמָשׁ גֶע'הַרְגְ'טֶע קְלֶעפּ פַאר אַ קְלֵיין אִינְגְל. דִי אִיבְּרִיגֶע מְלַמְדִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ זֶען וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, זָאגְט יֶענֶער מְלַמֵד אַז אַזוֹי וִוי דָארְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין הַאנְטוּכֶער אָפְּצוּאָוִוישְׁן דִי הֶענְט, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ בְּלָאזֶער וָואס בְּלָאזְט אַרוֹיס הֵייסֶע לוּפְט און מִיט דֶעם טְרוּקֶנְט מֶען זִיךְ אָפּ דִי הֶענְט, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער אִינְגְל און עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְשְׁטוּפְּן אַן אֵיי אִין דִי מַאשִׁין, און אַזוֹי צֶעבְּרֶעכְן דִי מַאשִׁין, און דֶערִיבֶּער קוּמְט זִיךְ אִים גוּטֶע פֶּעטְשׁ.

יֶעצְט אִיז וִוידֶער דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, קוֹדֶם פְרֶעג דֶעם קִינְד וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן און פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, אֵיידֶער דוּ מַאכְסְט אָפּ אַז עֶר הָאט זִיכֶער בְּמֵזִיד גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן דִי מַאשִׁין. דֶערְנָאךְ קוּק טַאקֶע אוֹיבּ דֶער מַאשִׁין אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן. און אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הָאט טַאקֶע בְּמֵזִיד צֶעבְּרָאכְן דִי מַאשִׁין, אִיז עֶר אוֹיךְ נִישְׁט מְחוּיָב מִיתָה פַּאר דֶעם, רֶעד מִיט

אִים אוּן לֶערְן אִים אוֹיס אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אוּן גֵיי בֶּעט פוּן זַיין טַאטְן צוּ בַּאצָאלְן דִי שָׁאדְן.

דֶערְוַוייל גֶעבְּט מֶען אַ קוּק אוֹיפְן מַאשִׁין אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, דָאס קִינְד שְׁטֵייט אִין דִי זַייט אוּן וֵויינְט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת פוּן יִסוּרִים, אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, זָאגְט עֶר אַז זַיין אֵיי אִיז פָּשׁוּט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶס אָפְּוַואשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר עֶס גֶעוָואלְט אוֹיסְטְרוּקֶענֶען בַּיי דֶעם מַאשִׁין. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער אִינְגְל הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטוּן, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן, קַיין שׁוּם עַוְלָה.

דָאס קִינְד וֶועט אָבֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי מַעֲשֶׂה, עֶר וֶועט אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען דִי שְׁלֶעק וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט פַאר אוּמְזִיסְט. דֶער אִינְגְל הָאט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן דֶעם מַאשִׁין, דֶער מְלַמֵּד הָאט אָבֶער יָא צֶעבְּרָאכְן דִי נֶפֶשׁ פוּן דֶעם קִינְד אוּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ בַּעַל מוּם אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי צֶעשׁוֹידֶערְט מִיט דַיין בְּרִיוו; ווִי קֶען זַיין הַיינְט שְׁנַת תשפ״ה, וֶוען אַלֶע זָאגְן אַז מֶען שְׁלָאגְט שׁוֹין נִישְׁט, הַיינְט זָאל אַ מְלַמֵּד עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען קוּמְט אִים זָאגְן אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה שְׁלָאגְט אַ קִינְד זִיךְ אוֹיסְלַאכְן אוּן זָאגְן עֶס קוּמְט אִים?! אִיךְ וֵויין, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ ווִי מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבְּט דִי הֶסְפֵּד, מוֹהֲרָא״שׁ פְרֶעגְט יֶענֶעם: ״ווִילְסְט הֶערְן נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה?״ יֶענֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, יֶענֶער אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן פַארְוֵויינְט, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: אַן אַנְדֶער אִינְגְל אִיז גֶעוֶוען נֶעבֶּעךְ אַ יָתוֹם פוּן זַיין מַאמֶע, זַיין טַאטֶע הָאט גֶעדַארְפְט שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, שׁוֹין גָאר פְרִי הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן הוֹיז צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם גְרֶעסְטְן אִינְגְל אַז עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער, עֶר זָאל זֵיי אָנְטוּן אוּן זֵיי שִׁיקְן אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערְן אוּן זִיכֶער פַאר אַ קִינְד, אוּן בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ שָׁעָה שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר.

ווען ער קומט אַריין אין קלַאס, איז דער מְלַמֵּד אים מְקַבֵּל פָּנִים מיט פֶּעטְשׁ און פְּרֶעסְק, און שְׁרַייט אויף אים: "פַארְוואס בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט?" דער אִינְגְל וויינְט נֶעבֶּעךְ, ער ווייסְט דֶעם אֱמֶת אַז ער איז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, ער האט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קיין מַאמֶע, און ער דַארְף טוּן די אַרְבֶּעט פוּן אַ מַאמֶע יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי. און דער מְלַמֵּד שְׁרַייט וַוייטֶער: "מָארְגְן זָאלְסְטוּ זִיכֶער מַאכְן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אין חֵדֶר, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט ווֶעסְטוּ עֶרְשְׁט כַאפְּן פוּן מַיין שְׁטֶעקְן!"

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז צוּמָארְגְנְס האט דער אִינְגְל וַוייטֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צַייטְלִיךְ, און ער האט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגְן אַ וָוארְט פַארְן מְלַמֵּד, און אַזוֹי האט ער גֶעכַאפְּט און גֶעכַאפְּט אָן אוֹיפְהֶער. הֵייסְט דאס דען נִישְׁט צֶעשְׁנִיטְן אַ קִינְד?! קוֹדֶם פְּרֶעג זִיךְ נָאךְ און ווער גֶעוואוּיר וָואס די מַעֲשֶׂה איז, אֶפְשָׁר איז דאס קִינְד בִּכְלָל נִישְׁט שׁוּלְדִיג?

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט וַוייטֶער בְּלַייבְּן אין די חֵדֶר, און אַז דוּ זֶעסְט וִוי מֶען צֶעשְׁנַיידְט קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר די קִינְדֶער, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן - צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת - פוּן קֵיינֶעם.

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דַארְף אִיךְ צָאלְן רֶענְט, אוֹיבּ דער לֶענְדְלָארְד טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ האבּ אַ שְׁטִיקְל פְּרָאבְּלֶעם מיט מַיין לֶענְדְלָארְד, אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוֹיבּ דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווי אַזוֹי זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מיט אים.

אִיךְ וואוין אין אַ פוּרְנִישְׁד דִירָה, אִיךְ האבּ זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מיט אים בַּיים אַרוֹיסְנֶעמֶען די דִירָה אַז ער וועט פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס, און בְּעֶרֶךְ צְווֵיי חֳדָשִׁים צוּרִיק האט מַיין דְרַייעֶר זִיךְ אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכְן, עֶס אַרְבֶּעט פַּיין, עֶס טְרוּקְנְט די

קְלֵיידֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער עֶס מַאכְט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע גֶערוּדֶער, מַמָּשׁ מֶען קֶען נִישְׁט לֵייגְן דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן בִּשְׁעַת עֶס אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט פַאר מַיין לֶענְדְלָארְד פַאר צְוֵויי חֲדָשִׁים צוּרִיק פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַלְץ 'אִיךְ גֵיי רוּפְן אַ בַּעַל מְלָאכָה, אִיךְ גֵיי רוּפְן אַ בַּעַל מְלָאכָה', אוּן לְמַעֲשֶׂה גֵייט דוּרְךְ טֶעג אוּן אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה. אִיךְ רוּף אִים אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער זָאגְט עֶר מִיר מֶען וֶועט זֶען וָואס מֶען גֵייט טוּן, אִיךְ רוּף אִים נָאכְאַמָאל לֶעצְטְנְס אוּן אִיךְ שְׁלָאג אִים פָאר אַן עֵצָה אַז אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ רוּפְן אַ בַּעַל מְלָאכָה אוּן אִיךְ וֶועל אִים צָאלְן אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ עֶס אַרָאפְּרֶעכֶענֶען פוּן דִי רֶענְט, זָאגְט עֶר מִיר אַז מֶען גֵייט "שׁוֹין" זֶען וָואס מֶען גֵייט טוּן, עֶר זָאגְט אַז עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן טְרַאכְטְן צִי עֶר זָאל קוֹיפְן אַ נֵייעֶ אַנְשְׁטָאט פַארְרֶעכְטְן. בְּקִיצוּר, עֶר נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּזַאם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיךְ זָאל טוּן מִיט אִים, אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים נִישְׁט צָאלְן קַיין רֶענְט, אָדֶער נִישְׁט דִי גַאנְצֶע, בִּיז עֶר פַארְרֶעכְט עֶס, אָדֶער אִים אַרַיינְגֶעבְּן אִין קָאפּ אַרַיין. אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן אָן קַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, וֶוען נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים וָואלְט אִיךְ שׁוֹין לַאנְג זִיךְ צֶעקְרִיגְט מִיט גֶעווִיסֶע שְׁכֵנִים וָואס טְרַאכְטְן אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ ווִי מִיר, זֵיי לֵייגְן זֵייעֶרֶע זַאכְן אוֹיף פְּלֶעצֶער וָואס קֶען מִיר שְׁטֶערְן, אוּן אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ מוֹתֵר, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל ווַייטֶער הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אִיז אַ שְׁאֵלָה אִין דִינֵי מָמוֹנוֹת, דָאס דַארְפְסְטוּ פְרֶעגְן אַ דַיָּין. פְרֶעג אַ דַיָּין אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט דָאס טוּן, נִישְׁט צוּ צָאלְן רֶענְט וְכוּ'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן אַז עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ - אִיז דָאס אוֹיךְ

מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. אַלֶעס אִיז צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס און מַאכְט אַלֶעס, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא, ג): "צָרִיךְ אָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה, שֶׁהַיִּסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס עֶר הָאט, ווַייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס מַאכְט אִים לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, טְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְעֶכְטְן, און אוֹיךְ קוּמְט מֶען אָפּ מִיט דֶעם וָואס מֶען דַארְף אָפְּקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

פַארְוָואס בִּין אִיךְ כְּסֵדֶר חוֹשֵׁד יֶעדְן אֵיינֶעם?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן טְרַאכְטְן אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר טוּט חָלִילָה עֲבֵירוֹת? אֲפִילוּ וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אַפָּאר מִינוּט צוּ שְׁטִיל, גֵיי אִיךְ שׁוֹין קוּקְן צִי זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ אֵיידֶל. וֶוען מַיין מֵיידל שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט מַיין פְּלִימֶעניִק, פִינְף זֶעקְס יֶערִיגֶע קִינְדֶער, בִּין אִיךְ דִי גַאנְצֶע צַייט אָנְגֶעצוֹיגְן.

אִיךְ הָאב מוֹרָא עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן מַיינֶע קִינְדֶערְ'ס צוּטְרוֹי פוּן מִיר צוּ זֵיי, און בִּכְלַל שְׁטֶערְט עֶס מִיר מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק, אִיךְ ווִיל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם אִינְגַאנְצְן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַרוֹיס דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי כְּסֵדֶר'דִיגֶע חִיזוּק, בִּפְרַט מִיטְן בַּאזוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

טְרַאכְטְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט - אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוּן נָאכְלוֹיפְן דִי קִינְדֶער יֶעדֶע רֶגַע, יֶעדֶע מִינוּט - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוּן עֶס וֶועט שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער פַאר זֵייעֶר זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט; וַוייל ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף דִי קִינְדֶער - אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי, אוּן אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן ווִי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט רוּאִיג מִיט זֵיי - וַואקְסְן סֵיי אוֹיף נִישְׁט רוּאִיג מִיט זִיךְ, אוּן אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן ווִי דִי עֶלְטֶערְן הַאלְטְן פוּן זֵיי אוּן זֶענֶען רוּאִיג מִיט זֵיי - וַואקְסְן זֵיי אוֹיף זֵייעֶר גֶעזוּנְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״ש אַז עֶס אִיז דָא בַּיי גֶעוִויסֶע פְּרוֹיעֶן אַזַא זַאךְ אַז זֵיי גֶעטְרוֹיעֶן נִישְׁט זֵייעֶר מַאן, זֵיי לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיט מַחֲשָׁבוֹת ׳אֶפְשָׁר קוּקְט מַיין מַאן אוֹיף אֵיינֶעם?׳ ׳אֶפְשָׁר הָאט עֶר מִיט אֵיינֶעם?׳ ׳אֶפְשָׁר רֶעדְט עֶר מִיט אֵיינֶעם?׳ מוֹהֲרָא״ש זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז דָאס אִיז אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט ׳וואוּ זֶענֶען דִי קִינְדֶער?׳ אוּן ׳אֶפְשָׁר טוּט אֵיינֶער מִיט זֵיי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן?׳ דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין דִי זַאךְ פוּן אַייךְ, אִיר זָאלְט נִישְׁט טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי זַאכְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן, קוּקְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט, אוּן נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט חֲשָׁדוֹת, אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה נֶעמְט אַוֶועק דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַּאר קִינְדֶער, דִי קְלֵיינֶע גִּלְיוֹנוֹת פַּאר קִינְדֶער. אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דָאס, אִיךְ זֶע אַז דָאס וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע מַהְפֵּכָה צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער. עֶס אִיז שֵׁיין גֶעדְרוּקְט, שֵׁיינֶע אוֹתִיּוֹת מִיט אַ שֵׁיינֶע בִּילְד, אוּן וְעַל כּוּלָם הָאט עֶס דִי תּוֹכְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי וֶועג וִוי מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נִישְׁט סְתַּם אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל מִיט אַ שֵׁיינֶע נִמְשָׁל, נָאר תַּכְלִית וִוי צוּ לֶעבְן, וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְן.

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן יְרוּשַׁלְמִי וָואס מֶען זָאל טוּן מִיט פְּחָדִים בַּיינַאכְט. דָאס זָאלְסְטוּ דְרוּקְן אִין דִי צֶוֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער, דָאס וֶועט זַיין אַ גוּטֶע גִּלְיוֹן פַּאר דִי קִינְדֶער. וַוייל רוֹב קִינְדֶער הָאבְּן פְּחָדִים בַּיינַאכְט, אוּן וָואס פַּאר אַ עֵצוֹת מֶען זָאל זֵיי נָאר נִישְׁט גֶעבְן וֶוערְן זֵיי נִישְׁט בַּארוּאִיגְט, אוּן נָאר מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן חַזֶר׳ן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - וֶועט אַוֶועק גֵיין דִי פְּחָדִים.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

״טַאטִי וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מוֹרָא, אֶפְשָׁר קֶען מֶען לֵייגְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁלָאס אוֹיף דִי טִיר? אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן״.

קִינְד טֵייעֶרֶער, אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה. דִי גְּמָרָא דֶערְצֵיילְט (יְרוּשַׁלְמִי תְּרוּמוֹת ח, ג), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יַנַּאי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶענְג, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט אַ

שְׁלַאנְג אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף זַיין בֶּעט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַלֶע סָארְט עֵצוֹת וְוִי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ פַארְזִיכֶערְן אַז אַ שְׁלַאנְג וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען אוֹיף זַיין בֶּעט, עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק, עֶר וֶועט אַרַיינְשְׁטֶעלְן דִי פִיר פִּיס פוּנֶעם בֶּעט אִין פִיר עֶמֶערְס וַואסֶער, אַזוֹי וֶועלְן דִי שְׁלֶענְג נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ אִים.

אֵיין נַאכְט וֶועקְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יַנַּאי אוֹיף מִיט אַ שְׁלַאנְג אִין דִי הֶענְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין פַּאטֶענְטְן, נָאר אֵיין זַאךְ הֶעלְפְט, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה'; דֶער צַדִּיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז דִי שְׁלֶענְג זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף מַיין בֶּעט", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מֶער זֶענֶען דִי שְׁלֶענְג נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים.

קִינְד טֵייעֶרֶער, לָאמִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי נַאכְט, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין הִינְט, פוּן קַיין בֶּער, פוּן קַיין שְׁלֶענְג, אִיךְ זָאל פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיךְ, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף מִיר".

"טַאטִי, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט לֵייגְן אַ שְׁלָאס אוֹיף דִי טִיר, אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אִים עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מִיר דִי פְּחָדִים".

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מְכוֹן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זָאל בֶּעטְן דִי מֶעלֶער זָאל מַאכְן אַ בִּילְד פוּן אַ בֶּעט אוּן דִי פִּיסֶלֶעךְ פוּנֶעם בֶּעט לִיגְן אִין עֶמֶערְס וַואסֶער, אוּן וְוִי עֶס קְרִיכְן שְׁלֶענְג אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אֵיין שְׁלַאנְג אִיז אוֹיפְן בֶּעט, אוּן וְוִי דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין בֶּעט מִיט צִיצִית, הוֹיבְּט אוֹיף דִי הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף; אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין עֵצוֹת, נָאר תְּפִלָּה הֶעלְפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

נִישְׁט כְּדַאי צוּ עֶסְן שַׁארְפֶע עֶסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, אֵיינֶער הָאט אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען עֶסְט שַׁארְפֶע עֶסְן אִין דִי חֳדָשִׁים וְכוּ' הֶעלְפְט דָאס צוּ הָאבְּן קְלוּגֶע שַׁארְפֶע קִינְדֶער וְכוּ', אִיר ווילְט ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי; עֶס הָאט נִישְׁט אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, דָאס אִיז בַּאבֶּע מַעֲשִׂיּוֹת.

בִּכְלַל אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ עֶסְן שַׁארְפֶע עֶסְן. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל, אוֹת אֲכִילָה), מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין שַׁארְפֶע עֶסְן אוּן נִישְׁט קַיין גֶעזַאלְצֶענֶע אוּן זוֹיעֶרֶע עֶסְן, "כִּי דְבָרִים אֵלּוּ מַזִּיקִים מְאוֹד מְאוֹד לַבְּרִיאוּת", ווַייל דִי עֶסְן שַׁאדְט פַארְן גֶעזוּנְט.

אִין דִי צַייט ווָאס מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף שִׂמְחוֹת אִיז גוּט צוּ זָאגְן "שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; זָאלְט אִיר זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים ווָאס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנֶוויינִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרַא"שׁ מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים ווָאס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת ווָאס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ

מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִּי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

נִישְׁט זִיךְ שְׁנַיידְן צוּ מַאכְן אַ סְלִיווּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הַאלְט נִישְׁט פוּן זִיךְ שְׁנַיידְן זִיךְ צוּ מַאכְן אַ סְלִיווּ, עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען מֶעג טוּן, ווִי מֶעג מֶען זִיךְ מַאכְן פַאר אַ בַּעַל מוּם? אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א בְּשַׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט אִים זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דִי יָאר עֶרֶב לַ"ג בָּעוֹמֶר אִין מִירוֹן אִין דִי מַעֲרָה. מַיין טַאטֶע הָאט מִיט מִיר גֶעלֶערְנְט זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר (דף צ:): "דְּהָא קְדוּשָּׁא דִּלְעֵילָּא, לָא שַׁרְיָא בַּאֲתַר פְּגִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט בַּיי בַּעֲלֵי מוּמִין, הָאט מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט אִין לָשׁוֹן הַקָּדוֹשׁ (עֶר הָאט אַ מִנְהָג נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין דִי מַעֲרָה בִּכְלַל מִשּׁוּם כְּבוֹד הַמָּקוֹם, אוּן וֶוען עֶר מוּז שׁוֹין רֶעדְן רֶעדְט עֶר אִין לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ), אַז אִין דֶעם אִיז נִכְלָל דִי אִיסוּר זִיךְ צוּ שְׁנַיידְן פַארְן סְלִיווּ; נָאר אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען מוּז דָאס מַאכְן, אוּן אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס גֶעזוּנְט - אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ עֶסְט, אוּן גֵיי שְׁפַּאצִירְן. מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין אִין שׁוּל אָן דַיין קַאר, גֵיי גֶעשְׁפַּאנְט, אוּן בַּיים גֵיין זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן פַאר דַיין גֶעזוּנְט, וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁנַיידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אֵיין גוּט וָוארְט, קֶען אַלֶעס בַּארוּאִיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

בִּיטֶע גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי פְלִיכְט פוּן אַ מְנַהֵל אִיז, צוּ מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים, זֵיי מַאכְן שְׁפִּירְן וִויכְטִיג, זֵיי מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט, זֵיי גֶעבְּן יֶעדְן טָאג גוּטֶע וֶוערְטֶער; זֵיי זָאלְן נִישְׁט לֶעבְּן אִין סְפֵיקוֹת אוֹיבּ מֶען דַארְף זֵיי יָא אָדֶער נִישְׁט וְכוּ׳.

עֶס דְרֵייט זִיךְ בַּיים מְלַמֵד אִין קָאפּ בִּלְבּוּלִים, מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳, אוּן אֵיין גוּט וָוארְט פוּנֶעם מְנַהֵל קֶען אַלֶעס בַּארוּאִיגְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַ קֶרֶן פַאר מוֹסְדוֹת ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ ׳בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ׳ עַל ׳טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן מִיר הֶעלְפְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ קֶרֶן הַצָלָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ ׳בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ׳ עַל ׳טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ׳. בִּיז דֶערְוַוייל פְּרוּבִּיר אִיךְ אַלֵיין - אָן קַיין הִילְף פוּן קֵיינֶעם - צוּ

שִׁיקְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ פַאר דִי מוֹסָד קָרוֹב צוּ פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, רִיכְטִיג אִיז אַז דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אוֹיף אַלֶע אִינְאֵיינֶעם, אַלֶע חֲבֵרִים זָאלְן טְרָאגְן דִי לַאסְט פוּן דִי מוֹסְדוֹת, עֶס קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין.

יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דֶער גַבְּאַי אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן פוּן אַמֶעריקֶע אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דִי קֶרֶן, בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נֶעמְט אִים אוֹיף בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת אוּן שְׁלִיסְט אַייךְ אָן אִין דִי קֶרֶן, גֶעבְּט עֶנְקֶער צְדָקָה - מַעֲשֵׂר אוּן חוֹמֶשׁ פַאר דִי קֶרֶן, אַז דִי מוֹסְדוֹת זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין.

עֶנְקֶער חַבֵר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט זִיךְ נָאךְ אַייךְ.

...

אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וֶוער עֶס רֶעדְט קֶעגְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), פוּן זָאגְן וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה - אִיז אַ נִישְׁט גוּטֶע סִימָן, וַוייל אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵל זַיין פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס קִילְן דִיךְ אָפּ אוּן מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. זַיי קְלוּג, זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס הָאט גֶעפָּאלְגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן גֶעפָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד), אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוואוּסְט פוּן מִיר אָבֶער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ

גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶועז מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶועז קַיין דַרְגָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, דִי וָוארְט מַסֶכֶת אִיז דִי וֶוערְטֶער פוּן כַּ"ת ס"מ, וַוייל מִיטְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא אִיז מֶען אִים מְבַטֵל, אִים מִיט זַיין כַּת, אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף סִ'יוּם מַ'סֶכְתָּא אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז זַיין נָאמֶען, עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אוּן מֶען מַאכְט סִיוּמִים, דָאס אִיז אִים מְבַטֵל, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען עוֹמֵד זַיין בְּנִסָיוֹן מִיט דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּפְרַט יֶעצְט זוּמֶער וֶוען אִין גַאס פְלַאקֶערְט אַ פֵייעֶר הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

גֵיין אִין קָאנְטְרִי נָאר מִיט עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין אִין קָאנְטְרִי, פוּן אֵיין זַייט אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט בַּיי דִי אַרְבֶּעט אָן דַיין וַוייבּ וְכוּ', אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קוּקְן דַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אוֹיף דֶעם, דוּ ווִילְסְט וויסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַ"שׁ אַז עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער מֶען דַארְף דָאס טוּן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן לֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן טוּעֶן אַלֶעס אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, אִיז זִיכֶער כְּדַאי זָאלְסְט גֵיין אִין קָאנְטְרִי, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט דַארְפְן זַיין אִין שְׁטָאט.

גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג וואוּ דוּ גֵייסְט, אִין וֶועלְכֶע קָאנְטְרִי; גֵיי נִישְׁט אִין אַ

מוֹשַׁב לֵצִים, גֵיי נָאר וואו עֶס זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִשְׁפָּחוֹת, טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, וָואס דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִינְגַאנְצְן לִינְקְס פוּן גֵיין אִין קָאנְטְרִי מִיט לֵצִים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אַרוֹיסְכַאפְּן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

"אִם חָכַמְתָּ", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג, דוּ לֶערְנְסְט, דוּ דַאוֶועְנְסְט - "חָכַמְתָּ לָּךְ", בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, דוּ וֶועסְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען לֶעבְּן פוּן דֶעם. "וְלַצְתָּ", אוּן דֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיק - "לְבַדְּךָ תִשָּׂא", וֶועט עֶר אַלֵיין לַיידְן (מִשְׁלֵי ט, יב) ; אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, מִיט דִי וָואס שְׁפֶּעטְן אוּן מַאכְן וִויכּוּחִים ; עֶנְדֶערְשׁ זִיץ אִין דַיין וִוינְקְל מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים, אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן לֶערְנֶען אִין אַ סֵדֶר, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אַרוֹיסְכַאפְּן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה א), דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אִין אַ וִוינְקֶעלֶע, אִיז גֶעקוּמֶען דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ צוּ אִים ; מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ, דִי שְׁכִינָה רוּט אוֹיף אִים.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער בִּלְבּוּלִים מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן עֶרְגֶעץ וואו אוּן דָאס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, נָאר דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן אַלֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, נָאר דָאס הֶעלְפְּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

קוּק מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וֶועט 'דִיר' גוּט וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער מְנַהֵל זָאגְט מִיר אַז דוּ הָאסְט וֵוייטָאג אוֹיף אֵיינֶע פוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים, הַיֶּלֶד ..., וַוייל דֶער טַאטֶע הָאט דִיךְ מְבַזֶּה גֶעוֶוען אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף דִיר אִין שׁוּל וְכוּ'.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן צְוֵויי זַאכְן, עֶרְשְׁטְנְס, וָואס אִיז דֶער קִינְד שׁוּלְדִיג אַז דֶער טַאטֶע פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער צוּגַאנְג צוּ דִי תַּלְמִידִים זָאל נִישְׁט זַיין לוֹיט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ'.

צְוֵוייטְנְס, וֶוען דֶער טַאטֶע רֶעדְט אַזוֹי בְּרֵייט וְכוּ' מֵיינְט עֶר נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען. אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, מֶען רֶעדְט הוֹיךְ, מֶען גֶעבְּט אוֹיס וֵוייטָאג, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז גוֹרֵם וֵוייטָאג פַאר אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת, אוּן אַז אִיךְ הוֹיבּ אָן קוּקְן מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶענֶעם וֶוערְט 'מִיר' גוּט, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ פַארְגֶעס פוּן רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל, אִיךְ פַארְגֶעס צוּ קוּקְן מִיט רַחְמָנוּת, אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְט, אִיךְ הָאבּ טַעֲנוֹת 'הֲיִתָּכֵן יֶענֶער זָאגְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי?' וֶוערְט 'מִיר' נִישְׁט גוּט.

פְרִיעֶר בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס, אַ אִינְגֶערְמַאן גֵייט מִיר אַרִיבֶּער אוּן זָאגְט מִיר: "דוּ שֵׁגֶץ", דִי עֶרְשְׁטֶע רֶגַע הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'פַארְוָואס זָאגְט עֶר אַזוֹי?' נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'עֶר מֵיינְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר וִויל נָאר גוּט, עֶר הָאט מִן הַסְּתָם גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע, אוּן עֶר טְרַאכְט עֶר וִויל טוּן עֶפְּעס גוּטְס, עֶר וִויל מוֹחֶה זַיין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וָוארְט'; אוּן עֶס אִיז מִיר גְלַייךְ גוּט גֶעוָוארְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טַייעֶרֶער מְלַמֵּד, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן קוּקְן מִיט

רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וֶועט 'דִיר' גוּט וֶוערְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְּעֶסְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַ גַן עֶדֶן לֶעבְּן, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיר אַז מֶען הָאט דִיךְ הַיינְט בַּאזִינְגֶען אִין מִקְוֶה אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גוּטֶער מְלַמֵד וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט מִיט דִי עֶלְטֶערְן. זָאלְסְט טְרַאכְטְן (עַיֵין בָּבָא בַּתְרָא טז:): "אֵין אָדָם נִתְפָּס עַל צַעֲרוֹ", אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס גֵייט אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן אוּן עֶר צֶערֶעדְט זִיךְ, קֶען מֶען אִים נִישְׁט דַן זַיין; אַזוֹי וֶועט דִיר 'דַיין' לֶעבְּן וֶוערְן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר אִינְדֶערְפְרִי אוּן זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר דִי אוֹיגְן פוּן צַדִיקִים וָואס קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אוּן זֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דָן לְכַף זְכוּת, אוּן זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הַאלְטְן פוּן מִיר אַלֵיין, אִיךְ זָאל מִיךְ אַלֵיין לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט מִיר עֶפֶּעס זָאל אִיךְ נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים, בִּפְרַט מִיט הַיֶּלֶד... אוּן הַיֶּלֶד... אִיךְ זָאל זֵיי לִיבּ הָאבְּן אוּן זֵיי מַאכְן גוּט פִילְן".

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע גֶעפִילְן, דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

קֶענֶען מְבָרֵר זַיין שְׁמַעְתְּתָא אַלִיבָּא דְהִלְכְתָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִינְדֶערְפְרִי בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַהֲבַת עוֹלָם זָאלְסְטוּ לָאזְן אַפָּאר טְרֶערְן, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין פַּארְטָאגְס זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן קֶענֶען מְבָרֵר זַיין שְׁמַעְתְּתָא אַלִיבָּא דְהִלְכְתָא. אַזוֹי וְוִי דֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ח): "אַךְ לִזְכּוֹת לְזֶה הַשֵּׂכֶל שֶׁיּוּכַל לָלוּן לְעָמְקָהּ שֶׁל הֲלָכָה", וְוִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען צוּטְרֶעפְן צוּם אֱמֶת, וִויסְן וָואס אִיז מוּתָּר אוּן וָואס אִיז אָסוּר? "הוּא עַל יְדֵי תְּפִלָּה" דָאס אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה, "כִּי מִשָּׁם נִמְשָׁךְ הַשֵּׂכֶל", וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען - וֶוערְט פוּן דֶעם אַזוֹי וְוִי אַ קְוָואל וַואסֶער וָואס טְרִינְקְט אָן דִי פֶעלְד, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (דָארְט): "וּמֵהֵיכָן מְקַבְּלִין הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּעְיָן, הוּא מֵהַתְּפִלָּה", דָאס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יוֹאֵל ד, יח): "'וּמַעְיָן מִבֵּית ה׳ יֵצֵא' הוּא הַתְּפִלָּה", דוּרְךְ בֶּעטְן אוּן דוּרְךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ שָׁאד אַז דוּ הֶערְסְט מֶער נִישְׁט קַיין שִׁיעוּרִים, וֶוען דוּ פְלֶעגְסְט הֶערְן שִׁיעוּרִים פְלֶעגְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; וַוייל דִי וֶוערְטֶער, שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן - הָאט אַזַא כֹּחַ, עֶס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים, עֶס לֶעבְּט אוֹיף טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁיעוּר, אָדֶער אַ הַאלְבֶּע שִׁיעוּר, וֶועסְטוּ וֶוערְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, הֱיוֹת דוּ בִּיסְט פוּן דִי וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, עֶרְוַוארְטְן מֶענְטְשְׁן פוּן דִיר אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט. אַז דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל אוּן אֵיינֶער קוּמְט דִיר אַנְטְקֶעגְן אוּן דוּ גְרוּסְט אִים נִישְׁט, מֵיינְט יֶענֶער אַז דוּ בִּיסְט אַ בַּעַל גַּאֲוָה, אַז דוּ גְרוֹיסְט זִיךְ וְכוּ׳, יֶענֶער חָלוֹמְ׳ט נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְט פִּיצְלֶעךְ, דֶערְפַּאר בִּיסְטוּ מְחוּיָּב צוּ גְרִיסְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

גֵיי אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, אִיךְ וֵויְיס אַלֵיין נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן, מַיְינֶע עֲבֵירוֹת צֶעבְּרֶעכְן מִיךְ, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַ צַדִיק. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, גְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין קְלַאס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּתַלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעדֶענְק אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט אַז דֶער עִיקָר הַצְלָחָה לִיגְט אִין דֶעם אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד מַאכְט אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה; אַז עֶס אִיז דָא אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט זֶענֶען דִי הֶערְצֶער אָפְן אוּן מֶען אִיז מַצְלִיחַ מִיט דִי לֶערְנֶען אוּן מִיט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוֹיבּ אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ בַּייסִיגֶע לוּפְט, אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע לוּפְט, דֶער מְלַמֵּד הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוּן גֶעבְּן מוּסָר - פַארְמַאכְן זִיךְ דִי הֶערְצֶער אוּן דִי מֹחוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא הַצְלָחָה.

אִין אַלֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן דִי יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט עֶר אַלְץ דִי זַאךְ: "זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין".

אִיךְ וִויל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִיט נֶעמֶען דִי בְּרִיוו אוּן דָאס לֵייגְן אִין חֵדֶר עֶרְגֶעץ צְווִישְׁן דַיינֶע זַאכְן, אוּן דָאס יֶעדְן טָאג אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן, אַז עֶס מוּז זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ מוּזְט זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַלֶעס אִיז פִּינְקְטְלִיךְ, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים, נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

יֶעצְט וֶוען אִיר גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ' אוּן אַייעֶר אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן אִיר וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת מִיט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ זֵייעֶר לִיב, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פוּן אַ אִיד, עֶר אִיז פֶעלְזְן פֶּעסְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז פִּינְקְטְלִיךְ, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים, נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל, אוּן יֶעצְט אִיז פַּאסִיג פַאר אַייךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "וֵוייסְטוּ וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב? אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד", אֵיינֶער וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיב.

יֶעצְט חוֹדֶשׁ סִיוָן אִיז דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, בַּאבֶּעס אוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס דִי דַייטְשֶׁע רוֹצְחִים הָאבְּן פַארְבְּרֶענְט, טְרַאכְט אִיךְ אַסַאךְ פוּן דֶעם, אַז וֶוען אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס וָואס זֶענֶען יָא גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן אוּן זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען נָאךְ דִי מִלְחָמָה אַלֵיין, אָן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטוּבֶּער אָן קַיין קַשְׁיוֹת אָן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט אִיךְ: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ הָאסְט אַזַא טַייעֶר אוּן הֵיילִיג פָאלְק, קוּק דַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער וִוי זֵיי רִירְן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִיר אֲפִילוּ אִין דִי עֶרְגְסְטֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן'.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן יֶעצְט זָאלְט אִיר אָנְהוֹיבְּן נָאךְ מֶער טוּן פַארְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי בִּיז אַהֶער, אוּן אַזוֹי וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

נָאר אַ מַעֲלָה צוּ גֵיין בֶּעסֶער, אֵיידֶעלֶער אוּן מֶער בַּאשֵׁיידְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר מֶעגְט גֵיין מִיט וְכוּ׳, אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן מֶער פְּרוּם פוּן דִי עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שׁוּם חִסָּרוֹן, אַדְּרַבָּה דָאס אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין זוֹהַר פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, דַּף קטו:) וֶוער עֶס ווִיל בֶּאֱמֶת מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד פַאר דִי עֶלְטֶערְן, ווַייל מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אַשְׁרֵי לְאָב וָאֵם שֶׁגִּדְּלוֹ בֵּן כָּזֶה", וואוֹיל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן גֶעבּוֹירְן אַזַא קִינְד, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי טֶעכְטֶער; אַז מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד פַאר דִי עֶלְטֶערְן, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה צוּ גֵיין בֶּעסֶער, אֵיידֶעלֶער אוּן מֶער בַּאשֵׁיידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ לֵיינֶען דַיינֶע בְּרִיוו, ווִי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בְּלִימוּד הַתּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַּארְלֵייגְן אוֹיף לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא; דָאס הֵייסְט, פְּרוּבִיר צוּ לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא לִימוּד וָואס הַרְגְ'עט דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִי אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן רֵיין, עֶס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְּלֶעקְן, אוֹיךְ דִי פְּלֶעקְן וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעגֶעסְן וְכוּ', דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דוּרְךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת - וֶוערְט דִי נְשָׁמָה צִיכְטִיג רֵיין.

דַיין צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר זָאל זַיין גְמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס. לֶערְן כְּסִדְרָן, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, לֶערְן כְּסִדְרָן אוֹיף דַיין וֶועג לוֹיט דַיין מֶעגְלִיכְקֵייט, וֶוער נִישְׁט צֶעדְרוּקְט פוּן אַנְדֶערֶע, קוּק נָאר אוֹיף דִיר וִויפִיל דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען אוּן אָנְקוּמֶען, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ מַסֶכְתָּא גֵיי צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אוּן דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס. עֶס וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער, וַוייל אִין אָנְהוֹיב וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וֶוערְט דֶער שָׂטָן מְשׁוּגָע, עֶר זֶעט אַז עֶר פַּארְלִירְט דָא אַ נְשָׁמָה, מַאכְט עֶר אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן, אָבֶער בַּיי דֶער וָואס אִיז שְׁטַארְק, דֶער וָואס הַאלְט אָן מִיט עַקְשָׁנוּת - וֶוערְט אִים זֵייעֶר זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר שְׁרַייבְּט מִיר זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר. אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן מִיט דַיין תְּמִימוּת, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין לֵצִים, זָאלְסְט זוּכְן חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

זַיין אַ וַוארֶעמֶע אוֹיסְגֶערוּטֶע פְרֵיילִיכֶע מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע אוֹיב דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ טוּן וְכוּ'; אִיךְ וויל זֵייעֶר אַז דַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין אִין חֵדֶר. לָאז דִי זַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע, לֵייג אַרַיין דַיין הַארְץ, קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיב עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאךְ כֹּחַ - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דִי מְנַהֵל וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר דִי חֵדֶר, וַוייל נָאר דָאס אִיז אוּנְזֶער הַצְלָחָה, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע וַוארֶעמְסְטֶע חִינוּךְ; קֶענְסְט הָאבְּן דִי שֶׁענְסְטֶע שׁוּל מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע קְהִילָה, אוֹיב דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע חִינוּךְ - הָאסְטוּ גָארְנִישְׁט, וְדַ"ל.

דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז - זַיין אַ וַוארֶעמֶע אוֹיסְגֶערוּטֶע פְרֵיילִיכֶע מְלַמֵּד; מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אָנְפִילְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז שְׁמֵייכְלֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דַיין שְׁמֵייכְל פוּן פָּנִים, דוּ טְרָאגְסְט אַן אַחְרָיוּת, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דִיר אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זֵיי גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אַ גוּט מָארְגְן, אַ גוּטְן טָאג, אַ גוּטְן אָוֶענְט - וֶועסְטוּ זֵיי פָּשׁוּט אוֹיפְלֶעבְּן, דָאס זָאל זַיין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס אִיז דַיין תִּיקוּן, דָאס וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אִיךְ וֵייס דוּ ווילְסְט לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן צוּ דִי גְמָרָא, אוּן קֶענֶען זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט מָאל מִשְׁנַיוֹת', 'צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל מִשְׁנַיוֹת', אָבֶּער וויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין זַאךְ אִין לֶעבְּן. מִיט יָארְן צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּ מַאכְן סִיוּמִים, לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ אוּן אַזוֹי שְׁנֶעל, עֶר הָאט אָבֶּער זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוֹיךְ קֶענֶען זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט מָאל' וְכוּ', הָאט

עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁלָאסְן אִין אַן אָרְגָאנִיזַאצְיֶע וָואס הֶעלְפְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁפַּארְט און הֶעלְפְן וֶוען דִי קַאר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְמִיטְן וֶועג אָן גֶעז, אָדֶער אָן אַ רֶעדְל, און בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז עֶר צוּ מִיר גֶעקוּמֶען און גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְן הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן מִיט טוֹישְׁן אַ רֶעדְל" וְכוּ', אִיךְ הָאבּ דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים, אַז אֵיינֶער עֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט מָאל מִשְׁנָיוֹת און אֵיינֶער הֶעלְפְט הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן מִיט זֵייעֶר קַאר.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִיר, דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּ דִיר אִין גֶעשֶׁעפְט. אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיר קֶענֶען שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג 'הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגְרִיסְט הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן מִיט אַ שְׁמֵייכְל', 'הַיינְט הָאבּ אִיךְ צְוָואנְצִיג מֶענְטְשְׁן גֶעפְרֶעגְט וָואס מַאכְסְטוּ', 'הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דְרַייסִיג מֶענְטְשְׁן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן' וְכוּ' וְכוּ'.

וּמַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ, דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פַּארְדִינֶען; דוּ אַלֵיין וֶועסְט פְרֵיילִיךְ וֶוערְן, וַוייל אַז מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַנְדֶערֶע וֶוערְט מֶען שׁוֹין אַלֵיין אוֹיךְ עֶכְט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיים שְׁוֶוער אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ נַאכְט קְלֵייד, און אֲפִילוּ מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין צוּ דִי קִינְדֶער; אוֹיבּ אִיז דָאס נֶעבְּן וואוּ פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, שְׁוֶוער און שְׁוָואגֶערְס דְרֵייעֶן זִיךְ - אִיז נִישְׁט אֵיידְל אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ בַּיים זַיין פַּארְנוּמֶען אִין קָאךְ דַארְף דִי עֶרְמְל זַיין

בִּיז דִי בֵּיין; וֶוען מֶען וַואשְׁט דִי כֵּלִים אוּן מֶען קָאכְט אוּן בַּאקְט - קֶען מֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי עֶרְמְל.

בְּנוֹגֵעַ בָּאדְן קְלֵיינֶע קִינְדֶער; מֶען קֶען בֶּעטְן אַ טָאכְטֶער אָדֶער שְׁוֶועסְטֶער צוּ בָּאדְן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיב מֶען דַארְף אִיבֶּערְפַּאקְן וְכוּ'; אָבֶער נִישְׁט פַארְקֶערְט, דִי זִין קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן בָּאדְן דִי שְׁוֶועסְטֶער, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְפַּאקְן מִשּׁוּם צְנִיעוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זָאל זַיין דַיין שַׁבָּת סֵפֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ שְׁטוּב דַארְף זַיין גֶעבּוֹיט פוּן אֵיין זַייט שְׁטְרֶענְג, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פְרֵיילִיךְ, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א פְלֶעגְט בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת מַאכְן גָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין.

בֵּיידֶע זֶענֶען גָאר וִויכְטִיג, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס צוּ מַאכְן, אוּן פַארְלַאנְגֶען זֵיי זָאלְן פָאלְגְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז דָאס זַיין בַּאגָאסְן מִיט שִׂמְחָה, עֶס דַארְף זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טַייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה

כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶריג שַׁבָּת און נִישְׁט זַיין פַּארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת. דָאס אִיז חִינוּךְ, לֶערְן זֵיי אוֹיס ווִי זִיךְ צוּ פִירְן אִין מִקְוֶה; נִישְׁט רֶעדְן און נִישְׁט קוּקְן. לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ שְׁטֵיין אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט מִיט אֵיידְלְקֵייט, לֶערְן זֵיי אוֹיס ווִי זִיךְ אוֹיסְצוּטוּן און ווִי אַזוֹי זִיךְ אָנְצוּטוּן, וָואס עֶרְשְׁט און וָואס צְוֵייט וְכוּ׳. קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין עֶפֶּעלֶעךְ וָואס וַואקְסְן אַרוֹיס פוּן בוֹים, קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און אוֹיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ.

נָאךְ דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, וֶוען דוּ בִּיסְט מִיד און דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֶעבְן צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט צוּ בֶּענְטְשְׁן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. גֶעוֶוענְלִיךְ לוֹיפְן דִי קִינְדֶער בַּיים עֶנְדֶע סְעוּדָה צוּ דִי שְׁפִּילְצֵייג, דַארְף מֶען זֵיי רוּפְן צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען טוּן דִי מִצְוָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט וְכוּ׳ און זוּכְן אַ שְׁפֶּעטֶע מִנְיָן. אִיךְ ווִיל זָאלְסְט פִירְן דַיין שְׁטוּבּ גֶעזוּנְט, דִי שַׁבָּת סְעוּדָה מַאכְט מֶען נִישְׁט נָאכְמִיטָאג, דִי שַׁבָּת סְעוּדָה מַאכְט מֶען פַאר חֲצוֹת, און דָאס קֶען נָאר זַיין אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין צַייט, און אַז מֶען ווִיל זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן קֶען מֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן נָאכְמִיטָאג; דִי נָאכְמִיטָאג אִיז אַזוֹי לַאנְג, מֶען קֶען זִיךְ סֵיי אָפְּרוּעֶן און סֵיי אַסַאךְ לֶערְנֶען, זָאלְסְטוּ גֵיין דַאוֶוענֶען פְּרִי און מַאכְן דִי סְעוּדָה פְּרִי. פִיר דַיין שְׁטוּבּ גֶעזוּנְט, פִיר דַיין שְׁטוּבּ רִיכְטִיג, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דֶעם און יֶענֶעם, קוּק אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און אַזוֹי פִיר דַיין שְׁטוּבּ.

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זָאל זַיין דַיין שַׁבָּת סֵפֶר, אוֹיךְ אִינְדֶערְוָואכְן זָאלְסְטוּ דָאס לֶערְנֶען, אָבֶּער שַׁבָּת זָאלְסְטוּ דָאס לֶערְנֶען און וואוּ דוּ זֶעסְט אַ תְּפִלָּה, אַ גֶעבֶּעט - זָאלְסְטוּ דָאס מִיט זָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט. זָאג דִי תְּפִילוֹת מִיט גֶעוֵויין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין שֵׂכֶל און פִירְן דַיין שְׁטוּבּ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיקִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

אַ שָׁאד מֶען מַאכְט נִישְׁט נָאךְ דִי חֲתוּנוֹת בְּחִנָּם אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי וָואךְ וֶועט זַיין נָאךְ צְוֵויי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה אִיז בְּחִנָּם, עֶס קָאסְט נִישְׁט פַאר דִי מְחוּתָּנִים קֵיין אֵיין פְּרוּטָה. נִישְׁט נָאר דִי חֲתוּנָה אִיז בְּחִנָּם, אוֹיךְ אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי וַוייבֶער צוּ מַאכְן דִי הָאר פַאר דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער פוּן דִי חָתָן כַּלָּה בְּחִנָּם, אוּן אוֹיךְ אַלֶעס אַרוּם אוּן אַרוּם. אַלֶעס אִיז דִי כֹּחַ הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא״שׁ, וָואס הָאט אַלֶע יָארְן גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶערֶעדְט אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועןּ מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן קֵיין גֶעלְט, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת אוּן נִישְׁט דַארְפְן צוּרִיק הַאלְטְן דִי קִינְדֶער פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן צוּלִיב גֶעלְט.

שׁוֹין אִיבֶּער נַיינְצִיג חֲתוּנוֹת אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט בְּחִנָּם. אַ שָׁאד אַז אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת מַאכְן דָאס נִישְׁט נָאךְ, אַ שָׁאד אַז מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דִי עֲשִׁירִים, מֶען הָאט מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת פַאר דִי עֲשִׁירִים וָואס טְרֶעטְן אוֹיף עַם יִשְׂרָאֵל אוּן זֶענֶען גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גֶעלְט זָאלְן אוֹיךְ דַארְפְן מַאכְן וְוִי זֵיי אוּן וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ וְוִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּב אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת צוּ רֶעדְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט נִישְׁט זַיין אַ קְנֶעכְט פַאר דִי וַוייבּ, נָאכְגֵיין יֶעדֶע זַאךְ וָואס זִי זָאגְט, שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט רֶעדְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, רֶעדְן מִיט כָּבוֹד, רֶעדְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ. דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אוּן דָאס הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז הֵיילִיג אוּן וִויכְטִיג.

גֶעבּ דַיין וַוייבּ גֶעלְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ׳אִיךְ הָאבּ נִישְׁט׳; הָאסְט

אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן דִי כְּתוּבָּה אַז דוּ גֵייסְט אִיר אוֹיסְהַאלְטְן - דַארְפְסְטוּ אִיר גֶעבְּן עֶסְן, אוּן גֶעבְּן אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אוֹיךְ גֶעלְט פַאר אַ רוֹימֶערְקֶע, דַיי נִישְׁט קַארְג אִין שְׁטוּב.

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ פְּרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג. אַ שָׁאד אַז דַיין וַוייבּ קוּמְט נִישְׁט, מִיט דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן וֶוערְט אַזוֹי גוּט דָאס לֶעבְּן, עֶס וֶוערְט אַזוֹי גְרִינְג אַלֶעס, זֶע זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג, זִיךְ אָנְפִילְן מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

וָואס פַאר אַ מַתָּנוֹת וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען פַארְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מֶען דַארְף שׁוֹין מַאכְן פְּלֶענֶער צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אִיז דָא אַ גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי

חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם״, און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תה): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי״, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוֹיךְ דַארְף מֶען מַאכְן פְּלֶענֶער וָואס פַאר אַ מַתָּנוֹת מֶען וֶועט בְּרֶענְגֶען פַארְן רֶבִּי׳ן, ווִיפִיל סֶעטְס מִשְׁנָיוֹת, ווִיפִיל סֶעטְס לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן זָאגְט מֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אַלֶע סִיוּמִים וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דִי יָאר. זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּפְלַייסְן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מַאךְ זִיךְ אַ צִיל אָנְצוּקוּמֶען צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, טֵייל עֶס אֵיין אִין פוּפְצְן שִׁיעוּרִים, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעמַאכְט דִי סֵדֶר, דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים.

דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי. דִי צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל נַ״ךְ. דִי דְרִיטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים ווִי גוּט און ווִי זִיס; וַוייל גוֹרֵס זַיין חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז מֶען הַרְגְ׳עט דֶעם יֵצֶר הָרָע, און מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן רֵיין.

דִי פֶערְטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג בַּבְלִי, דִי פִיפְטֶע שִׁיעוּר תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, דִי זֶעקְסְטֶע שִׁיעוּר תּוֹסֶפְתָּא, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, רַמְבַּ״ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, תִּיקוּנֵי זוֹהַר, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן און לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת; דָאס זֶענֶען דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

בְּנוֹסָף לָזֶה דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כז), אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ מוּז אַלְץ טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען מוּז אַסַאךְ לֶערְנֶען, מֶען מוּז אַסַאךְ דַאוֶוענֶען אוּן טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דַארְף מֶען אָבֶּער וויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעדְרוּקְט וֶוען מֶען זֶעט אִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן טְרַאכְטְן 'וֶוען וֶועל אִיךְ דָאס קֶענֶען טוּן?' מֶען גֵייט רוּאִיג, שְׁטַייטְלִיךְ, צוּבִּיסְלִיךְ, נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי סַאךְ עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם אוּן דָאס אַלֶעס וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין אוֹיף אֵיין מָאל, דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טוּן, אַזוֹי ווִי וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ פֵייעֶר חַס וְשָׁלוֹם, פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן צֶעטוּמֶלְטְקֵייט כַאפְּט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי פֵייעֶר נִישְׁט וויכְטִיגֶע זַאכְן, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען דַארְף זַיין רוּאִיג אוּן טוּן נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, אוּן אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם טָאר מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מֶען זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן, וֶועלְן אוּן הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס בֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן הָאפְן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...